**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פייערט אפיציעלע פייערליכע עפענונג פון טראנספארמאטיווע CITY CENTER געביידע אין סירעקיוס'ס שטאט-צענטער

***40 מיליאן דאלארדיגער דעוועלאפמענט פראיעקט פאר אויסגעמישטע צוועקן בויט איבער היסטארישע געוועזענע Sibley's דעפארטמענט געשעפט געביידע אויף South Salina און West Jefferson***

***אינוועסטירונג ערגענצט "CNY Rising" – די ראיאן'ס ארומנעמיגע סטראטעגיע צוריק צו אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אפיציעלע פייערליכע עפענונג פון די City Center געביידע אין סירעקיוס'ס שטאט-צענטער. די היסטארישע לאקאציע, אריגינעל די היים פאר די Keith's טעאטער אין 1920, און שפעטער פאר Sibley's דעפארטמענט געשעפט, איז יעצט פארוואנדלט געווארן צו א 40 מיליאן דאלארדיגע איינריכטונג פאר אויסגעמישטע צוועקן צו דינען אלס א צענטראלע נקודה פאר באמיאונגען צו אויפלעבן די שטאט-צענטער געגנט. מאדערניזירונגען צו די געוועזענע דעפארטמענט געשעפט בויען ארויף אויף די יעצטיגע טראנספארמאציע וואס איז אונטערוועגנס אין די שטאט-צענטער פון סירעקיוס, ערמעגליכט א דאנק באדייטנדע סטעיט רעגירונג פינאנצירונג אריינרעכענענדיג אינוועסטירונגען דורך די צענטראל ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ( Regional Economic Development Council), די 'שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו' ( Downtown Revitalization Initiative, DRI) און דורך אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג, שטייער הנחות און אנדערע בענעפיטן צוגעשטעלט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט. ניו יארק סטעיט, דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, שטעלט צו א סך הכל פון ביז 4.1 מיליאן דאלאר צו שטיצן דעם פראיעקט.

"די נייע City Center געביידע צייכנט אפ די אנהויב פון א נייע, באגייסטערנדע און בליהענדע קאפיטל אין די געשיכטע פון סירעקיוס'ס שטאט-צענטער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן אינוועסטירן אין לעבהאפטיגע קאמיוניטי צענטערן ווי City Center, ענטפאנגענדיג נייע ביזנעסער צו די ראיאן און אויסנוצנדיג אונזערע לאקאלע שותפות'ן, איז מיין אדמיניסטראציע איבערגעגעבן צו אויפלעבן קאמיוניטי דיסטריקטס אין צענטראל ניו יארק און אריבער אונזער גאנצע סטעיט."

די פיר-שטאקיגע איינריכטונג רעכנט אריין 240,000 סקווער פיס פון פלאץ פאר ביזנעס און א צוגעלייגטע פארקינג גאראזש מיט פלאץ פאר 750 קארן. צווישן די פירמעס וואס האלטן זיך אויף ביי די נייע איינריכטונג זענען The Hayner Hoyt Corporation, די דעוועלאפער און קאנסטרוקציע מענעדזשער פון דעם פראיעקט; Huntington Ingalls Industries, א שותף אין פארטיידיגונג טעכנאלאגיעס פאר אלע סארטן פראגנטן; CXtec/TERACAI, א גרינע IT טעכנאלאגיע פירמע; און Tompkins Community Bank. די בארימטע Redhouse Arts Center, וואס איז אויך א טיילווייזע אייגנטומערין אין די געביידע, געפונט זיך אויך אויפן ארט.

די רענאוואציע פון די City Center געביידע פאלגט נאך עטליכע גרויסארטיגע אינוועסטירונגען וואס זענען געמאכט געווארן צו אויפלעבן סירעקיוז'ס צענטראלע ביזנעס דיסטריקט, ארויפבויענדיג אויף פריארויטעטן וואס זענען אוועקגעשטעלט געווארן דורך גאווערנער האקול און דורך די צענטראל ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל. די באמיאונגען רעכענען אריין דאס אויפרעכטן די היסטארישע Hotel Syracuse וואס איז יעצט באקאנט אלס די Marriott Syracuse Downtown; די אויסברייטערונג פון די Tech Garden וואס העלפט ביזנעס לייט מיט שעפערישע געדאנקען צו מאכן זייערע געדאנקען וואקסן; די אויפבויאונג פון די Salt City Market; די רענאוואציע פון די געוועזענע Excellus געביידע צו ווערן די Icon Tower מיט אויסגעמישטע צוועקן; די איבערבויאונג פון די געוועזענע Post-Standard געביידע; און דאס אויפשטעלונג פון JMA Wireless'ס גלאבאלע הויפטקווארטיר אויף Cortland Avenue, צווישן אנדערע פראיעקטן.

אין צוגאב איז אין 2021 די סיטי אָוו סירעקיוז אויסגעקליבן געווארן אלס א געוואונער אין די פינפטע רונדע פון די 10 מיליאן דאלארדיגע שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו. די אונטערנעמונג דינט אלס א גרונדשטיין פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי, מיט די צוועק צו טראנספארמירן שטאט-צענטער געגנטער אין לעבעדיגע צענטערן פון אקטיוויטעט וועלכע אפפערן א הויכע קוואליטעט פון לעבן און ציהען צו דעוועלאפמענטס, ביזנעסער, דזשאבס און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט. מער אינפארמאציע איבער City Center איז פארעפנטליכט דא.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "City Center איז איינס פון די פילע טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלכע ברענגען אריין נייע לעבן צו הויכשטאקיגע געביידעס אין די הארץ פון סירעקיוז. מיט די שטיצע פון די DRI און אנדערע געציהלטע אינוועסטירונגען, העלפן מיר אויפבויען א מער לעבהאפטיגע און פארבינדענע שטאט-צענטער און א לעכטיגערע צוקונפט פאר די געוואלדיגע ראיאן."

**The Hayner Hoyt Corporation פרעזידענט, דזשערמי טוירסטאן, האט געזאגט,** "עס איז אונז אן עהרע צו זיין א טייל פון די איבערבויאונג פון City Center מיט אונזערע שותפים פון די Redhouse Arts Center, פארוואנדלנדיג א ליידיגע שטאטישע בלאק צו ווערן א לעבהאפטיגע טייל פון די סירעקיוז שטאט-צענטער קאמיוניטי. דער פראיעקט וואלט נישט מעגליך געווען אן די שטיצע און אינוועסטירונג פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט."

**סטעיט סענאטארשע רעיטשעל מעי האט געזאגט,** "סירעקיוז און צענטראל ניו יארק זענען פאר צו וואקסן, און איך בין באגייסטערט צו זעהן די לעצטע צוגאב צו אונזער לעבהאפטיגע שטאט-צענטער, די City Center געביידע. די נייע צענטער פאר ביזנעס, טעאטער און ריטעיל געשעפטן וועלן העלפן פארזעצן די ארטיגע ווידער אויפשטייג דורכן שאפן מער דזשאבס און פלעצער צו ארויסעסן, פאר אונטערהאלטונג און צו איינקויפן. א דאנק פאר גאווערנער האקול און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פאר אייער ארבעט אויף דעם פראיעקט און פאר אייער אנגייענדע שטיצע פאר צענטראל ניו יארק."

**אסעמבלי מיטגליד וויליאם ב. מאגנארעלי האט געזאגט,** "די עפענונג פון די City Center געביידע איז נאך א וויכטיגע נקודה אין די אנגייענדע אויפלעבונג פון די שטאט-צענטער פון סירעקיוז. די דעוועלאפמענט וועט האבן א באדייטנדע עקאנאמישע השפעה בשעת'ן זיכער מאכן אז סירעקיוז'ס שטאט-צענטער פארבלייבט א לעבהאפטיגע לאקאציע פאר צענטראל ניו יארקע ביזנעסער."

**אָנאָנדאַגאַ קאונטי עקזעקיוטיוו רייען מעקמעהאן האט געזאגט,** "טראנספארמאטיווע פראיעקטן ווי City Center טרייבן אונטער די איבערבויאונג פון ליידיגע פראפערטיס, פארזעצנדיג די אנגייענדע רעוואלוציע וואס קומט פאר אין סירעקיוז'ס שטאט-צענטער. פראיעקטן פון די סארט דינען אויך צו

פארשטערקערן די לאקאלע עקאנאמיע, גיבנדיג פאזיטיווע אויסזיכטן פאר איינוואוינער, באזיכער און ביזנעסער. די סארטן אינוועסטירונגען טוהען נישט בלויז טראנספארמירן סירעקיוּס, נאר זיי לייגן צו צו די אלגעמיינע לעבהאפט פון דעם גאנצן ראיאן."

**סיטי אָוו סירעקיוּס מעיאר בען וואַלש האט געזאגט,** "די איבערבויאונג פון City Center בלאזט אריין א נייע חיות אין די געוועזענע Sibley's געביידע, א וויכטיגער פראיעקט אין די אויפשטייג פון אונזער שטאט-צענטער. די איינריכטונג מיט אויסגעמישטע צוועקן וועט ברענגען דזשאבס, אונטערהאלטונג און ביזנעס געלעגנהייטן אוןביישטייערן צו עקאנאמישע וואוקס אין אונזער ראיאן. איך לויב אויס Hayner Hoyt אויף איר דייטליכע און שעפערישע צוגאנג, און איך באדאנק גאווערנער האקול און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פאר אנגייענדע אינוועסטירונגען אין סירעקיוּס."

**פארשנעלערן "CNY Rising"**
די היינטיגע אנאנס באגלייט "CNY Rising" (צענטראל ניו יארק - וואקסנדיג), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. דער ראיאניש-פלאנירטער אויסלייג וועט זיך קאנצענטרירן אויף קאפיטאליזירן אויף אינטערנאציאנאלע האנדל געלעגנהייטן, פארשטערקערן ענטרעפעניורשאפט און שאפן אן אינקלוסיווע עקאנאמיע. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט [דא.](#)

**וועגן עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**
עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור ([www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov)). די מיסיע פון ESD איז צו שטופן פאר אן אויפגעלעבטע און וואקסנדע עקאנאמיע, ערמוטיגן דאס שאפן נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפטן פאר די סטעיט און אירע לאקאלע רעגירונגען, און עררייכן סטאבילע און פארשידנארטיגע לאקאלע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט איבערזעהן די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק) קאמפיין, די סטעיט'ס אייקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט [www.regionalcouncils.ny.gov](http://www.regionalcouncils.ny.gov) און [www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov).

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418



[זיך ארויסשרייבן](#)